# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' תשא
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ט

## פראגע

### דער אויבערשטער פארדינט עפעס ווען מיר טוען מצוות? דערלייגט ער עפעס אויב מיר זינדיגן?

## ענטפער:

עס מאכט נישט דאס מינדעסטע חילוק ביי אים; אבער אין איין פרט יא. דער אויבערשטער וויל אז **מיר** זאלן מצליח זיין, דאס איז די סיבה פארוואס ער האט באשאפן די וועלט. ער וויל מיר זאלן זיין פרייליך און סוקסעספול.

אויב א מענטש וועט אויסנוצן זיין לעבן זיך אליינס צו פייניגן... עס זענען דא אזעלכע מענטשן וואס מאכן זיך אליינס טרויעריג. איר ווייסט עס זענען דא מענטשן וואס קענען זיך פשוט נישט דורכקומען מיט זיך אליינס?! רוב מענטשן וואס קענען זיך נישט דורכקומען מיט אנדערע, קענען זיך אויך נישט דורכקומען מיט זיך אליינס.

לאמיר זאגן א מענטש זיצט א גאנצע וואך מיט א נאדל ארייננעשטאכן אין זיין הויט, און ער טראכט אז ער גייט באקומען עולם הבא פאר'ן זיך פייניגן! ער גייט באקומען גיהנם פאר דעם! ווייל דער אויבערשטער וויל מען זאל זיין פרייליך, און אויב מאכט מען זיך טרויעריג פאר גארנישט, וועט מען נישט באקומען קיין שכר.

יעצט אויב א מענטש באווייזט צו ווערן א סוקסעס דורך'ן ווערן באוואוסטזיניג אין הקב"ה, און דורכ'ן טון מצות, איז דער אויבערשטער אזוי פרייליך! יא, ער איז פרייליך. אבער נישט ווייל דו טוסט **אים א טובה**, נאר ער איז פרייליך אז **דו** ביזט א סוקסעס, דאס איז וואס ער וויל. אויב א מענטש מאכט זיך אומגליקליך איז דער אויבערשטער נישט צופרידן, כביכול, ווייל די איינציגסטע סיבה פארוואס ער האט אונז באשאפן איז אז מיר זאלן יא מצליח זיין.

דערפאר, ס'איז אמת, דו גיבסט **גארנישט** פאר'ן אויבערשטן מיט דיינע מצוות, אבער דו גיבסט פאר דיר, און דאס איז וואס מאכט אויס.

## פראגע

### פארוואס האט דער אויבערשטער ערלויבט פאר די פעלקער פון די וועלט צו פאבריצירן נוקלעארע וואפן, און יעצט איז דא א סכנה פאר א נוקלעארער מלחמה.

## ענטפער:

און דער ענטפער איז, דער אויבערשטער וויל אונז לאזן וויסן אז גארנישט איז אים אוממעגליך. כאטש ער האט שוין צוגעזאגט אז ער וועט נישט ברענגען קיין מבול, אבער די גמרא זאגט אז בלויז א מבול פון וואסער וועט ער נישט ברענגען, ער קען חס ושלום ברענגען א מבול פון פייער.

מיר וואלטן עס געקענט פארגעסן, מיר וואלטן געקענט טראכטן אז אזוינס קען נישט פאסירן, און ווען דעם גיבט ער אונז א שטיקל **דערמאנונג**.

לאמיר האפן אז די נוקלעארע וואפן וועלן אייביג בלויז גענוצט ווערן צו סטראשען איינער דעם צווייטן, און די לענדער וועלן מורא האבן צו גיין אין מלחמה, און לאמיר האפן אז עס בלייבט אזוי.

אבער אין די זעלבע צייט לערנען מיר דעם לימוד אז די זאכן זענען דא! די שרעקליכע וואפנס איז אויף דער וועלט! וואס מיינט אז מיר דארפן זיין בעסער. מיר דארפן לערנען מער תורה און טון מער מצוות און געדענקען דעם אויבערשטן.

און צווישן אלע גוטע זאכן אויף וואס מיר דארפן זיין דאנקבאר איז דער פאקט אז מיר לעבן נישט יעצט אין א צייט וואס די נוקלעארע וואפן ווערן גענוצט. מען נוצט עס נישט. עס איז בלויז אין די לאבאראטאריעס, אין די ארמיי סטאנציעס. און מיר דארפן הנאה האבן פונעם לעבן ווי לאנג מיר קענען. ווער ווייסט אויב אונזערע קינדער וועלן קענען לעבן אזוי גליקליך ווי אונז, ווייל איינמאל זיי הייבן אן צו דרוקן די אומריכטיגע קנעפלעך, וועט זיין אן אנדערע סארט וועלט. במילא יעצט לאמיר הנאה האבן און זיין פרייליך. (#127)

## פראגע

### אויב א מענטש גייט דורך פראבלעמען אין זיין ביזנעס, וויאזוי קען ער פארמיידן פון ווערן איבערגענומען פון זיינע פראבלעמען?

## ענטפער:

אויב א מענטש האט פראבלעמען אין ביזנעס, זאל ער וויסן אז "כל עניני העולם הם נסיונות לאדם" (מסילת ישרים) – אלע געשעענישן וואס פאסירט צו א מענטש איז א נסיון פאר אים. ס'איז נאר א נסיון און ער זאל טראכטן אז דער באשעפער פריאווט אים אויס אין צוויי וועגן. 1) ערשטנס כל, צי פארגעס איך צוליב מיינע פראבלעמען אלע גוטע זאכן וואס איך האב? אז איך בין געזונט, אז מיין משפחה איז געזונט?

איך בין אמאל געווען ביי א רוסישער שיך-סוחר, ער האט מיר געזאגט אזוי: "אז מ'איז געזונט איז מען רייך." איך האב געלערנט א שטיק תורה פון אים. "אז מ'איז געזונט איז מען רייך." דאס אלעס.

אפילו א מענטש האט ביזנעס-שוועריקייטן, אבער דו ביזט נישט אין שפיטאל; דו פונקציאנירסט. קוק וויפיל מענטשן זענען קראנק און האבן אזויפיל פראבלעמען. קוק אריין אינעם דאקטער'ס אפיס. ס'איז אנגעפאקט מיט פאציענטן. און דו קענסט זיין אינדרויסן פונעם דאקטער'ס אפיס. איז האסטו ביזנעס-פראבלעמען. אבער געזונט פראבלעמען זענען טויזנט מאל ערגער.

דאס איז איין נסיון. צי פארגעסטו צו דאנקען השי"ת? נומער איינס איז – דאנק ווייטער דעם אויבערשטן.

2) די צווייטע נסיון איז "בטחון". דו דארפסט זיך פארלאזן אויפ'ן אויבערשטן. דיינע ביזנעס-שוועריקייטן איז א שטופ, א חיזוק אז דו זאלסט אנהייבן בעטן דעם אויבערשטן. מען דארף מתפלל זיין. מיר דאווענען נישט גענוג. מיר בעטן נישט גענוג. מען דארף מער בעטן פון השי"ת. "לעולם יבקש אדם רחמים על המדה זו" – א מענטש זאל אייביג בעטן רחמים וועגן די זאך: "איך בעט דיר באשעפער, מאך מיך נישט ארים."

איר הערט? האט איר עס שוין אמאל געטון? מען דארף עס אייביג טון! מען דארף אייביג בעטן, "ביטע מאך מיך נישט ארים."

יעצט דער מענטש האט עס נישט געטון און יעצט האט ער ביזנעס-פראבלעמען. איז וואס זאל ער טון? שרייען צום אויבערשטן. דאווען צום אויבערשטן.

אלזא, איר האט צוויי נסיונות. איין נסיון איז נישט צו פארגעסן די גוטע זאכן וואס ער טוט דיר. ער גיבט דיר געזונט. און צווייטנס, נוץ אויס דעם געלעגנהייט צו שרייבן צום אויבערשטן און אים בעטן אז ער זאל דיר געבן פרנסה.

און אגב, די גמרא זאגט אויך, "לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה" – א מענטש זאל אלעמאל בעטן רחמים אז ער זאל נישט קראנק ווערן.

די צוויי זאכן זענען זייער גוטע עצות. אלעמאל בעט השי"ת אז דו זאלסט נישט ארים ווערן. און אלעמאל בעט השי"ת אז דו זאלסט נישט קראנק ווערן. "לעולם!" יעדן טאג! יעדן טאג! ווארט נישט פאר א תפלה עס צו זאגן אין שמונה עשרה, זאג עס מיט דיינע אייגענע ווערטער, "איך בעט דיר באשעפער, זע איך זאל נישט קראנק ווערן. ביטע באשעפער, העלף איך זאל נישט ווערן ארים." יעדן טאג צוויי בקשות.

און דערפאר, ביזנעס-פראבלעמען וועלן דיר געבן א השגה וועגן די צוויי זאכן. (#E-269)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב